**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/1/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 17 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט צו רעהאביליטירן בריק צו פירן אסטאריע בולעוואַרד לענגאויס דעם איסטבאונד ברוקלין-קווינס עקספרעסוועי עקזיט ראמפע צו איסטבאונד גרענד צענטראל פארקוועי אין קווינס**

***נייע שאסיי דעק און שטאלענע באלקנבריקן פארשטערקערן זיכערהייט און פארבעסערן רייזן אויף שטארק גרייזטע שאסיי***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס פארענדיגן פון א 17 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט וואס פארשטערקערט זיכערהייט און פארבעסערן דרייווער'ן אומשטענדן אויף דעם בריק וואס טראגט אסטאריע בולעוואַרד איבער'ן איסטבאונד ברוקלין-קווינס עקספרעסוועי (I-278) עקזיט ראמפע צו דער איסטבאונד גרענד צענטראל פארקוועי אין קווינס. דער בריק, א פיל-גרייזטע שאסיי וואס דינט אלס וויכטיגע צוטריט רוט צו לאגווארדיע עירפארט, איז רעהאביליטירט געווארן מיט א נייע שאסיי דעק, נייע זשאווער-קעגנשטעלנדע שטאלענע באלקנבריקן און פארבעסערטע באלייכטונג.

"ווידער-אויפלעבן אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור לענגאויס ניו יארק אויף בעסער צו סערווירן אונזערע קאמיוניטיס איז איינע פון מיינע הויפט צילן, און צוליב דעם האבן מיר אינוועסטירט אין רעהאביליטירן דעם בריק צו טראגן אסטאריע בולעוואַרד — א עקסטט-נייטיגע באהעפטונג לענגאויס א קארידאר וואס טוט נישט נאר צושטעלן צוטריט צו לאגווארדיע עירפארט נאר עס איז אויך דער וואוין-ארט צו פילע געשעפטן און ביזנעסער אין קווינס," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "דער פראיעקט בויט אויף די ערפאלג פון אונזערע איניציאטיוון צו פארשטערקערן באוועגיקייט און זיכערהייט פאר מאטאריסטן און גלייכצייטיג שטיצן די ארטיגע און ראיאנישע עקאנאמיעס פאר צענדליגע יארן אינ'ם צוקונפט."

דער פראיעקט ערזעצט דער בריק'ס עקזיסטירנדע שטאלענע באלקנבריקן מיט נייע זשאווער-קעגנשטעלנדע באלקנבריקן צו רעדוצירן די נויט פאר קאלעכען. עס פיגורירט זשאווערלאזע-שטאל ארמאטור-שטאנג אפצוהאלטן פארזשאווערטקייט אינעווייניג אין דעם שאסיי דעק און פארמאגט וויניגער שארנירן אויף צו רעדוצירן וואסער ארויסרינונג און פארמינערן שאדן צו סטרוקטורעלע עלעמענטן. דער פראיעקט גיבט אויך פאר מאטאריסטן א מער גלאטיגע פארן אויבערפלאך.

נאך פארבעסערונגען רעכענען אריין א נייע אפלויף סיסטעם, LED באלייכטונג העכער און אונטער דעם בריק, בריק זיכערהייט מניעות, צוימען, און אָפּגרעיד'עטע יוטיליטיס ארייננגערעכנט נייע וואסער, עלעקטרישע און גאז ליניעס. דער פראיעקט פיגורירט אויך א נייע סיידוואָק אויף דרום זייט פון דעם בריק וואס איז איינשטימיג מיט דעם 'אמעריקאנער מיט אומפעאיגקייטן אקט'.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראַנספארטאציע קאמיסיאנערין מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** ״אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, אינוועסטירט ניו יארק אין די סארטן פראיעקטן וועלכע שאפן א מער ווידערשטאנד-פעאיגע טראנספארטאציע נעטוואָרק און פארשטערקערט די זיכערהייט און גאנצקייט פון אונזערע שאסייען און בריקן. דער הענכסט-נייטיגער פראיעקט אין קווינס וועט פארבעסערן רייזן אויף איינע פון די בארא׳ס וויכטיגסטע שאסייען און פארטרעט אונזער אנגייענדע צו מאדערניזירן אונזער אינפראסטרוקטור.״

**סטעיט סענאטארקע דזשעסיקע ראַמאָס האט געזאגט,** ״דער בריק איז א קריטיש-וויכטיגער באהעפטונג צווישן צוויי הויפט טראנזיט שאסייען אין קווינס, אזאנס וואס האט זיך באוויזן אלס געפארפול. אזוי ווי די אָפּגרעידס צו לאגווארדיע עירפארט זעצן פאר ווייטער, בין איך טיף דאנקבאר פאר די אינוועסטירונגען אין זיכער מאכן אז די ארומיגע אומגעגנטער באקומען די אויפפאסונג אין וועלכע זיי נייטיגן זיך אויפצונעמען די ערווארטעטע טראפיק אויפשטייג פאר׳ן לאנגן-טערמין.״

**קווינס בארא פרעזידענט דאנאוון ריטשערדס דזשוניאר האט געזאגט,** ״דער ערפאלגרייכער בריק רעהאביליטירונג פראיעקט איז א וויכטיגן טריט צו פארבעסערן צוטריט צו לאגווארדיע עירפארט און מאכן גלאטיגער טראפיק פליסיגקייט אין דעם גאנצן דערנעבנדן געגנט.״ ״מאטאריסטן וועלכע ניצן דעם טייל פון אסטאריע בולעוואַרד וועלן באלד געפונען דאס אנקומען צו לאגווארדיע און אנדערע ערטער אין קווינס צו זיין פיל גרינגער און זיכערער. איך דאנק גאווערנער קעטי האוקול און סטעיט טראנספארטאציע קאמיסיאנערין מארי טערעסע דאמינגעז פאר׳ן מאכן די ארבעט א פריאריטעט.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418